**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אינסטולירונג פון 6,500 ענערגיע טיכטיגע LED לייטס ביי וואןווארלד טרעיד סענטער**

***ניו יארק פאוער אויטאריטעט האט אויך איבערגעזעצט נאנט צו 1,700 LED הענגלייכטער ביי אדאם קלעיטאן פאועל, דזשיוניאר. סטעיט אפיס געביידע***

***ענערגיע-טיכטיגע LED לעקטער פארבעסערונגען אין ענערגיע קאסט שפארונגען און עמישנס נידערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די ניו יארק פאוער אויטאריטעט און די פארט אויטאריטי פון ניו יארק און ניו דזשערסי האבן פארענדיגט די אינסטולירונג פון ענערגיע-טיכטיגע LED לעקטער דורכאויס די וואן ווארלד טרעיד סענטער, די העכסטע געביידע אין אמעריקע. NYPA האט זיך פאראייניגט מיט די אפיס פון דזשענעראל סערוויסעס צו איבערזעצן נאנט צו 1,700 לעקטערס אין די אדאם קלעיטאן פאועל, דזשוניאר סטעיט אפיס געביידע אין הארץ פון הארלעם מיט ענערגיע-טיכטיגע LED לעקטער איינריכטונגען. די לעקטער פארבעסערונגען פראיעקטן טוט דירעקט שטיצן בילדסמארט 2025, א שטאטישע ענערגיע טיכטיגקייט פראגראם פארוואלטעט דורך NYPA, געצילט צו פארמינערן ענערגיע באנוץ אין סטעיט אנשטאלטן מיט 11 טריליאן בריטיש טערמאל יוניטס איף די ענדע פון 2025 - דאס איז גלייך ווי באזייטיגן נאנט צו 500,000 קארס פונם שאסיי.

"אלס איינע פון די לאנד'ס מערסט סימבאלישע געביידעס, איז וואן ווארלד טרעיד סענטער א לאנדמארק אין לאווער מאנהעטן און מוז ווערן א טייל פון ניו יארק'ס ענערגיע טיכטיגע צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך שטיצן לעקטער פארבעסערונגען אין די וועלט-בארימטע געביידע, וועלן מיר העלפן נידערן איר קארבאן פוטפרינט, נידערן פארוואלטונגס און אויפהאלטונג קאסטן, און פארזיכערן די בעסטע ענערגיע טיכטיגקייט ביי וואן ווארלד טרעיד צענטער פאר יארן צו קומען."

ביי וואן ווארלד טרעיד סענטער, וואס האט זיך געעפנט אין 2014, זענען מער ווי 6,500 פלארעסענט הענגע לייכטער געווארן איבערגעזעצט מיט די בעסטע טיכטיגע LED לעקטער אלס טייל פון די נאנט צו $3 מיליאן פראיעקט, וואס וועט רעדוצירן די געביידע'ס יערליכע קארבאן עמישנס מיט נאנט צו 130 מעטריק טאנען און שפארן די פארט אויטאריטי $64,000 יעדן יאר אין ענערגיע און אויפהאלטונגס קאסטן. די נייע לעקטער זענען אינסטולירט געווארן אין די טורעם'ס קארידארן, טרעפן צימערן, דורכגענג און מעכאנישע געצייג צימערן און האבן א צען-יעריגע לעבנסגאנג און נוצן 60% ווייניגער ענערגיע ווי די פריערדיגע לעקטער.

פאוער אויטאריטי שטיצע פאר די לעקטער פראיעקט, וואס האט זיך אנגעהויבן אין [אפריל 2022](), שטאמט פון די לאווער מאנהעטן ענערגיע אינדעפענדענס איניציאטיוו, א $25 מיליאן פאנד

אוועקגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט אין 2006 צו צושטעלן שטיצע צו לאוער מאנהעטן וואס ענערגיע טיכטיגע פארבעסערונג פראיעקטן אין די געגנט.

די לעקטער פראיעקט ערגענצט די NYPA 2021-פארט אויטאריטעט מעלדונג צו אינסטולירן LED לעקטער אין די סעפטעמבער 11 געדענקמאל & מוזיואם.

**פארט אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ריק קאטאן האט געזאגט,** "אלס טייל פון די פארט אויטאריטי'ס אויספירליכע מאפע צו ערדייכן נעט-זעראַ עמישנס אויף 2050, טוט די אגענטור ארבעטן צו דראמאטישע רעדוצירן די קארבאן פוטפרינט פון אירע געביידעס מיט ענערגיע טיכטיגע איניציאטיוון ווי דאס. דורך זיך צאמשטעלן מיט NYPA, טוען מיר מאדערניזירן און פארבעסערן וואן ווארלד טרעיד סענטער בשעת'ן פארמינערן עמישנס, רעדוצירן קאסטן, און רעדוצירן נוטיטיגע אויפהאלטונג. מיר וועלן ווייטער אידענטיפיצירן און אויספירן געלעגנהייטן צו עלימינירן עמישנס און פארבעסערן אונזערע אנשטאלטן."

ביי די אדאם קלעיטאן פאועל, דזשוניאר אפיס געביידע אין הארלעם, האט BYPA איבערגעזעצט 1,684 אינוויינגסטע הענג לייכטער מיט ענערגיע-טיכטיגע LED לעקטער אין די געביידע'ס הויפט לאבי און פלעצער ווי עס זענען נישט דא קיין אפיסעס. די נייע לעקטער וועט אויך האבן קלוגע זאנע לעקטער קאנטראל, ערלויבנדיג בעסער טיכטיגקייט און קאנטראל.

**ניו יארק פאוער אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דזשאסטין א. דריסקאל האט געזאגט,** "דורך שטיצן אונזער רעגירונג איינקויפער אין זייער דיקארבאנייזעישן רייזעס, טוט NYPA העלפן שאפן א ריינערע, מער ענערגיע-טיכטיגע ניו יארק סטעיט. די ענערגיע-טיכטיגע לעקטער איינריכטונגען אינסטולירט דורכאויס די אדאם קלעיטאן פאועל, דזשוניאר סטעיט אפיס געביידע, די העכסטע געביידע אין הארלעם, וועט שפארן OGS נאנט צו $20,000 אין יערליכע אפערירונג און אויפהאלטונג קאסטן און העלפן פאראויס רוקן די צילן פון ניו יארק'ס לאנד-פירנדע קלימאטן אגענדע."

**אפיס פון גענעראל סערוויסעס קאמישינאר דזשינעט מוי האט געזאגט,** "OGS איז שטאלץ צו ווייטער מיטארבעטן מיט די ניו יארק פאוער אויטאריטי אין אונזער פרואוון צו דיקארבינייזן סטעיט אנשטאלטן און אימפלעמענטירן גאווערנער האקול'ס אמביציעזע קלימאט אגענדע. די אינסטולירונג פון LED לעקטער דורכאויס די אדאם קלעיטאן פאועל סטעיט אפיס געביידע פארבעסערט אונזער ענערגיע טיכטיגקייט, פארמינערט עמישנס, און צייכנט אן נאך א טריט אין די טראנספארמירונג פון אונזער געביידע פארטפאליא."

די נאנט צו 1.7 מיליאן פארבעסערונג וועט שפארן OGS נאנט צו $20,000 אין יערליכע אפערירונג און אויפהאלטונג קאסטן און נידערן קארבאן עמישנס מיט מער ווי 30 מעטריק טאנען יערליך-עמישנס גלייך פון אפברענען מער ווי 3,300 גאלאנען פון גאזאלין. די אינסטולירונג פון די ענערגיע-טיכטיגע לעקטער איינריכטונגען האט זיך אנגעהויבן אין סעפטעמבער 2022.

די LED לעקטער אינסטולירונג ביי די אדאם קלעיטאן פאועל, דזשוניאר אפיס געביידע איז די לעצטע ענערגיע טיכטיגקייט פראיעקט אינפלעמענטירט דורך די פאוער אויטאריטעט פאר OGS. זינט דעצעמבער 2013, האט BYPA פארענדיגט 26 פראיעקטן מיט א סך הכל פון מער ווי $75 מיליאן פאר די אגענטור, נידערנדיג יערליכע קארבאן עמישנס מיט נאנט צו 12,000 מעטריק טאנען-די זעלבע ווי באזייטיגן 2,600 גאז קארן פון די שאסיי. צוזאמען, האבן די פראיעקטן געשפארט OGS $4.5 מיליאן אין יערליכע ענערגיע און אויפהאלטונגס קאסטן.

NYPA שטעלט צו א ברייטע אויסוואל פון ענערגיע טעכנעלאגיע און באנייבארע ענערגיע סערוויסעס צו איר רעגירונג איינקויפער אונטער בילדסמארט 2025, אריינגערעכנט ענערגיע אודיטס, פראיעקט ענדזשינירינג, אויסשטעל, אינסטולירונג, און געבוי פארוואלטונג. די ענערגיע טיכטיגקייט פראיעקטן אויסגעפירט דורך די NYPA נעמט אריין הויכע טיכטיגע לעקטער איינרישטונגען, באזיץ און ליכטיגקייט לעקטער סענסארס, געביידע און ענערגיע פארוואלטונג סיסטעמען, בוילערס, טשילערס, לופט-פארוואלטונג סיסטעמען, טערמאל סטארעדזש, מייקראגרידס, סאלאר פאטאוואלטעיק סיסטעמען, דיידזשעסטער גאס סיסטעמען, און אויפגייענדע ענערגיע טעכנעלאגיעס.

בילדסמארט 2025 איז א טייל פון די סטעיט'ס אלגעמיינע ציל צו נידערן אן-סייט ענערגיע געברויך אין געביידעס מיט 185 טריליאן BTU's אויף 2025. סטעיט ענטיטיס האבן אימפלעמענטירט אדער טוען אקטיוו אנטוויקלען מער ווי 1,200 ענערגיע פראיעקטן מיט אויסגערעכנטע ענערגיע שפארונגען פון מער ווי 7.6 טריליאן BTUs.

געביידעס זענען איינע פון די גרעסטע קוועלער פון גרינהויז גאז ענישנס אין ניו יארק סטעיט און אינטעגרירן ענערגיע טיכטיגקייט און עלעקטריפירונג מאסנאמען אין נייע און עקזיסטירנדע געביידעס און וועלן רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און העלפן עררייכן מער נאכהאלטיגע, געזונטע, און באקוועמע געביידעס אין שטיצע פון די סטעיט'ס אמביציעזע ציל צו עררייכן 2 מיליאן קלימאט-פריינטליכע היימען אויף 2030. דורך ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסירטש און דעוועלאפמענט אויטאריטי, די פאוער אויטאריטי און געצייג פראגראמען, ווערט מער ווי $6.8 ביליאן אינוועסטירט צו דיקארביניייזן געביידעס צו עררייכן די סטעיט'ס דיקארביניייזעישן צילן. דורך פארבעסערן ענערגיע אפעקטיוויקייט אין געביידעס און אריינגעכנכנט אויפן-ארט סטארעדזש, איבערבאנייונגען, און עלעקטרישע וויהיקל טשארדזשינג געצייג, וועט די סטעיט פארמינערן זייער קארבאן פארפעסטיגונג און בייקומען די סטעיט'ס ציל פון פארמינערן אויפן-ארט ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן Btu's ביז 2025, דאס זעלבע ווי צושטעלן קראפט פאר 1.8 מיליאן שטובער. ענערגיע טיכטיגקייט איז פאראנטווארטליך פאר 75 פערצענט פון די ריינע ענערגיע דזשאבס איבער ניו יארק.

אין ליניע מיט ניו יארק'ס נאכהאלטיגע צילן, דורכאויס קלימאטן טויש וואך 2023 האט די פארט אויטאריטי געמאלדן א אויספירליכע פלאן באשטאנען פון מער ווי 40 שריט געצילט צו עררייכן ביידע איר נאנט-טערמין עמישן נידערונג צילן און איר 2050 ציל פון נעט-זערא עמישנס. די בייסטעיט אגענטור איז אייגנארטיג צווייען אמעריקאנע טראנספארטאציע אגענטורן דורך איר צוזאג נישט נאר צו עלימינירן איר אייגענע דירעקטע אמישנס, נאר אויך צו דורכפירן נעט-זערא קארבאן עמישן צילן ארבעטנדיג מיט איר איינזאצברייטע קאנטראקטערס-אריינגערעכנט לופטליניעס, שיפינג פירמעס, קאנטעינער טערמינאל פארוואלטער און ראיאנאלע באס טרעגער. די אגענטור'ס נעט-זערא מאפע דעטאלירט צענדליגע שריט וואס די אגענטור וועט נעמען צו שטיצן די אנטיילנעמער אין רעדוצירן אמישנס, העלפנדיג זיי נאכקומען צילן איינגעשטעלט אין די אגענטור'ס קאנטראקטן. די שריט נעמט אריין באדייטנד פארגרינגערן די איבערגאנג צו זער-עמישן באסעס ביי די אגענטור'ס באס אנשטאלטן, שטיצן די איבערגאנג צו נאכהאלטיגע דזשעט פיול ביי לופטפעלדער, און דורכפירן ענוויירענמענטאלע-באוויסזיניגע אנפירונגען ביי איר פארט'ס קאנטעינער טערמינאלן.

**אסעמבלימעמבער טשרלס ד. פאל זאגט,** "די היינטיגע מעלדונג פון די לעקטער פארבעסערונג ביי וואן ווארלד טרעיד סענטער, ווי איבער 6,500 פלורעסענטס זענען געווארן איבערגעזעצט מיט oLED צייכנט א באדייטנדע שריט אין ניו יארק'ס רייזע צו ענערגיע טיכטיגקייט און נאכהאלטיגקייט. די נאנט צו $3 מיליאן דאלער אינוועסטירונג, טייל פון NYPA's בילדסמארט 2025 איניציאטיוו, טוט נישט נאר פארבעסערן די סימבאלישע האריזאנט נאר טוט אויך צוזאגן יערלחכע שפארונגען פון ארום $64,000 אין ענערגיע און אויפהאלטונגס קאסטן. עס איז א ליכטיגע ביישפיל פון וויאזוי סטראטעגישע, עקא-פריינטליכע אינוועסטירונגען קענען פירן צו וועזנטליכע לאנג-טערמיניגע בענעפיטן. איך באגריס די ניו

יארק פאוער אויטאריטי, ארבעטנדיג מיט די פארט אויטאריטי, אויף די קלוגע פראיעקט וואס שניידט עמישנס בעשת'ן שפאן געלט און פירט אונז פאראויס אויפן וועג צו ערגרייכן די צילן פון די קלימאט פירערשאפט און געמיינדע באשיצונג אקט."

**אסעמבלימעמבער אינעז דיקענס זאגט,** "אלעס וואס מיר טוען צו פארבעסערן ענערגיע טיכטיגקייט ברענגט אונז נאך א טריט נענטער צו ענדיגן אנגעוויזנהייט אויף פאסיל פיולס. די קלוגע אינוועסטירונג דורך די ניו יאקר פאוער אויטאריטי אין צוזאמענהאנג מיט די אפיס פון גענעראלע סערוויסעס טוט פארבעסערן אן אלטע לעקטער סיסטעם מיט ענערגיע-שפארנדע oLED ביי די אדאם קלעיטאן פאועל, דזשוניאר סטעיט אפיס געביידע. מיר וועלן זען א לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע שפארונג בשעת'ן פארזיכערן אז די סטעיט פון ניו יארק טוט ווייטער פירן ווען עס קומט צו אפרייניגן די לופט פאר קומענדיגע דורות."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויינגסטנס 35 פראצענט – שטערבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער $55 ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון $1 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון, און איבער $2 ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

**איבער NYPA**

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל היידראָ-פּאַווער. NYPA נוצט גארנישט קיין טעקס געלט אדער סטעיט קרעדיט. אירע אפעראציעס ווערן פינאנצירט דורך דאס פארקויף פון באנדס און אייגנקונפט פארדינט איינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאלגט אונז נאך
אויף טוויטער @NYPAenergy, פעיסבוק, Instagram, Tumblr און LinkedIn.

**איבער די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי**

די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי איז אן אגענטור צווישן צוויי סטעיטס וואס בויט, אפערירט און האלט אויף פילע פון די וויכטיגסטע טראנספארטאציע און האנדלס אינפראסטראקטור איינריכטונגען אין דאס לאנד. פאר מער ווי הונדערט יאר, זענען די אגענטור'ס נעטווארק פון הויפט לופטפעלדער; קריטישע בריקן, טונעלן, און באס טערמינאלן; און ארבעטער שינע ליניע; און די פארנומנסטע האפן אויף די מזרח בערג געווען פון די מערסט וויכטיגע אין די לאנד - טראנספארטירנדיג הונדערטער מיליאנען מענטשן און רוקן וויכטיגע סחורה אין און ארויס פון די ראיאן. די פארט אויטאריטי טוט אויך פארמאגן און פארוואלטן די 16-אקער װארלד טרעיד צענטער קאמפוס, וואס טוט היינט אויפנעמען צענדליגע טויזענטער אפיס ארבעטער און מיליאנען יערליכע באזוכער. די אגענטור'ס היסטארישע $37 ביליאן צען-יעריגע קאפיטל פלאן נעמט אריין פרעצעדענטלאזע טראנספארמירונגען פון די ראיאן'ס דריי הויפט לופטפעלגער - לא גווארדיע, ניווארק ליבערטי און JFK - ווי אויך א רייע פון אנדערע נייע און פארבעסערטע פארמעגנס, אריינגערעכנט די $2 ביליאן רענאווירונג פון די 90-יעריגע דזשארדזש וואשינגטאן בריק. די פארט אויטאריטי'ס יערליכע בודזשעט פון $8 ביליאן נעמט נישט אריין קיין טעקס פארדינסן פון קיין איינע פון די סטעיטס פון ניו יארק אדער ניו דזשערסי אדער פון די סיטי פון ניו יארק. דער אגענטור נעמט צוזאם די נויטיגע געלטער פאר פארבעסערן, קאנסטרוקציע, אדער איינשאפן אירע איינריכטונגען הויפטזעכליך אויף איר אייגענע קרעדיט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט www.panynj.gov אדער קוקט אויף די *Now Arriving* בלאג.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418